# הליכות ושיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

פרשת האזינו א׳ כ"ד אלול תשפ"ג – א׳ תשרי תשפ"ד לפ"ק

***יום ראשון פרשת האזינו - א׳ דסליחות***

בשעות הערב השמיע **רבינו שליט"א** דברי התעוררות, בעצרת הספד על הגה"צ אב"ד טשאקאווע זצ"ל.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען צו אן עצרת התעוררות אויפן הסתלקות פונעם טשאקאווער רב זצ"ל, וואס איז געווען פון די חשובע רבנים דא אין שטאט. לא מש מאהלה של תורה, פון די יוגענט אן איז ער קיינמאל נישט ארויסגעגאנגען פון אהלה של תורה. ער האט מרביץ תורה געווען מיט שיעורים, געזעסן און געלערנט בד׳ אמות של הלכה כל ימי חייו. ער האט אויפגעשטעלט א שטוב פון תורה, א שטוב פון תלמידי חכמים און מרביצי תורה.מען האט פריער געהערט, אונז פלעג מיר צוזאמען דאווענען להבדיל בין חיים לחיים מערערע מאל, ווען מען האט געקוקט אויף אים ביים דאווענען, האט מען געזעהן ווי אזוי ער האט געהאט אזא השתפכות הנפש ביי יעדע תפלה. וואס מיט דעם האט ער מעורר געווען דעם גאנצן ארום און ארום.

**ועל** כולם, זיינע מדות טובות, די איידלקייט וואס האט ארויסגעשיינט פון זיין פנים. מיט וועם ער איז נאר געקומען אין בארירונג, האט גלייך דערקענט אז מען האט דא צו טון מיט איינעם וואס איז גאר איידל און גרויס אין מדות טובות. די הארת פנים וואס ער האט געוויזן פאר יעדן איינעם, דעם שמייכל וואס ער האט געגעבן פאר יעדן, דעם גוט ווארט וואס ער האט געהאט פאר יעדן איינעם מגדול ועד קטן.

**די** גמרא זאגט (כתובות קיא:) טוב המלבין שינים לחבירו יותר ממשקהו חלב. ווען איינער גיט פאר איינעם צו טרינקען א גלאז מילך, צו א אנדערע חסד וואס ער טוט, ווייסט יעדער איינער אז עס איז זייער חשוב. די גמרא זאגט אבער אז עס איז דא א זאך וואס איז חשוב׳ער פון געבן צדקה פאר דעם ארימאן. ווען א מענטש ווייזט א שמייכל פאר יענעם, ער ווייזט אים אן הארת פנים. ווען א מענטש איז גוט אויפגעלייגט, ער האט א שחוק אויפן פנים, זאגט רש"י, דעמאלטס זעהן זיך ארויס זיינע ציינער, און ווען עס פעלט די שמחה, איז דאס מויל פארמאכט, און מען זעהט עס נישט ארויס. זאגט די גמרא, טוב המלבין שינים לחבירו, ווען איינער נעמט אויף יענעם מיט א שמחה, מיט א שחוק, ער מאכט יענעם ווייזן די ווייסע ציין, איז דאס חשוב׳ער פון צו געבן צדקה. - און אין די חסד, אויסער זיין געוואלדיגע צדקות וואס ער האט געטון פאר רבי מאיר בעל הנס און אנדערע צדקות. איז געווען דאס וואס ער האט געטון מיט יעדן

איינעם. מיט וועם ער האט זיך נאר געטראפען, האט ארויסגעשיינט דעם טוב המלבין שינים לחבירו.

**די** גמרא (יומא לח:) זאגט, ראה הקב"ה שצדיקים מועטין עמד ושתלן בכל דור ודור, דער אייבערשטער האט געזעהן אז עס נישט דא קיין סאך צדיקים, האט ער זיי שותל געווען אין יעדן דור, אז זיי זאלן זיין א קיום פאר די וועלט, שנאמר (שמואל ב-ח) כי לה' מצוקי ארץ וישת עליהם תבל. דער אייבערשטער האט די מציקי ארץ, דאס גייט ארויף אויף די צדיקים, וואס ער האט זיי געשטעלט אין יעדן דור, כדי אז זיי זאלן זיין א יסוד און א קיום פאר די וועלט.

**דער** אייבערשטער לאזט נישט איבער כלל ישראל אן חכמי ישראל. עס איז נאכנישט געווען א דור וואס עס זאל נישט זיין קיין מנהיגים וואס זאלן פירן יודען אויפן ריכטיגן וועג. אדם הראשון, און אזוי אויך שפעטער משה רבינו, ווען דער אייבערשטער האט זיי געוויזן די וועלט, האט ער זיי געוויזן דור דור ודורשיו, דאס וועט זיין דער דור, און די וועלן זיין די דורשים פון דעם דור. ווייל דאס וואס עס איז דא חכמי ישראל, דאס האלט אויף יודישקייט. דער אייבערשטער האט אונז באשאנקען, אז אין יעדן ווינקל, וואו א יוד געפונט זיך, קען ער אלץ טרעפן אן ערליכען יוד צו וועם ער זאל זיך קענען מדבק זיין, און ער זאל קענען שטייגן. דאס איז דער עמד ושתלן בכל דור ודור. ווען א מענטש וויל אויפשטעלען א שטוב פון תורה, איז נישט דא קיין אנדערע וועג נאר אז ער זאל זיך מתדבק זיין צו ערליכע יודען. - און דאס איז געווען דער טשאקאווער רב, עס האט ארויסגעשיינט פון אים דער חסד וואס דער אייבערשטער האט געטון, אז עמד ושתלן בכל דור ודור.

*

**מען** האט פארלוירן דאס יאר אסאך גדולי ישראל. אין די לעצטע פאר וואכן, האבן מיר פארלוירן צוויי חכמי ישראל פונעם פריערבידיגן דור. דער ראחמיסטריווקער רבי זצ"ל, וואס איז געווען פון די עלטסטע רבי'ס, און רבי אהרן שעכטער פון ישיבת רבי חיים ברלין, וואס איז געווען פון די עלטסטע ראשי ישיבות. עס איז איבערגעבליבן א געוואלדיגער חלל פון גדולי ישראל צווישן אונז. און עס ליגט אויף אונז א חוב צו ערזעצן דעם חלל וואס עס האט זיך געשאפן מיט זייער אבידה.

**מיר** האבן היינט געזאגט ביי סליחות (סליחות ליום א'), פנה נא אל התלאות ואל לחטאות. מען בעט דעם אייבערשטען ער זאל פונה זיין אל התלאות, אומקוקן זיך ווי אזוי מיר זעהן אויס, אונז זעמיר צוקלאפט און געשלאגן פון איבעראל. יודישע שטובער זענען צובראכן, עס איז נישט דא קיין שטוב וואס קוועטשט נישט עפעס. דא דארף מען א רפואה, פאר זיך, פאר די בני בית, פאר די קינדער, און דא דארף מען שידוכים, קינדער, נחת פון די קינדער, עס זאלן בלייבן ערליכע יודישע דורות מיט די היינטיגע נסיונות וואס איז דא אין די וועלט, פרנסה וואס מען פלאגט זיך. בעט מען פונעם אייבערשטען, פנה נא אל התלאות ואל לחטאות. דער באשעפער זאל זיך נישט אומקוקן אויף אונזערע חטאות, נאר קוקן אויף אוזערע פראבלעמען וואס ברענגט אונז צו, צו ווי אזוי מיר זעהן אויס.

*

**אבער** מיר דארפן געדענקן, אין הנחש ממית אלא החטא ממית (ברכות לג.). עס איז נישט דא א זאך וואס קומט פון זיך אליין, אלעס איז אויסגערעכנט מיט א חשבון פון הימל. אז עס איז דא עפעס א זאך וואס קוועטשט, איז דא א סיבה דערפאר. און די סיבה ליגט ביי דיר אין שטוב. און יעדער דארף זיך אומקוקן ביי זיך אליין און וויסן וואס ער קען מתקן זיין, עס זאל אוועקגענומען ווערן די אלע תלאות וואס עס מאכט זיך ביי אים.

**מען** לעבט אין אמעריקא, ווי עס איז געווארן לעצטנס זייער שטארק די נוחיות, די

באקוועמליכקייט וואס די וועלט האט געברענגט, מיט אלעם ארום און ארום. און עס האט אונז אראפגעברענגט, מען איז געווארן זייער מגושם. מען ליגט אין עניני עולם הזה, מען איז פארנומען מיט טירדות פון ארבע כנפות הארץ, אלע נייעס ווייסט ער, מען האט נישט קיין צייט זיך מתבונן צו זיין, צו לעבן ווי א יוד דארף צו לעבן. עס פעלט די שמחה של מצוה וואס א יוד דארף האבן לעבודת ה׳. עס איז געווארן [נישט ביי יעדן, מען רעדט פון א חלק פון כלל ישראל], אז דער חיות איז תענוגי עולם הזה! מען זאל קענען האבן שיינע דירות, מאכן געלט, גרויסע געשעפטן, אין דעם ליגט דער קאפ. און מען דערמאנט אונז פון הימל, אז מען דארף תשובה טון. דאס איז די פראבלעמען וואס מאכט זיך אין יעדע שטוב. וואס דאס איז א ווינק פונעם אייבערשטען אז מען דארף זיך מתבונן זיין, פארעכטן אונזערע מעשים.

**די** גמרא (שם) פארציילט, אז עס איז געווען א מעשה במקום אחד ווי עס איז געווען א ערוד, א שלאנג, וואס האט מזיק געווען את הבריות. איז מען געקומען צו רבי חנינא בן דוסא און מען האט אים געזאגט אז עס דרייט זיך ארום א שלאנג וואס שעדיגט. האט ער געבעטן מען זאל אים ווייזן ווי עס איז דער לאך וואו דער שלאנג איז. האט מען אים געוויזן דעם חור, איז ער געגאנגען, און ארויפגעלייגט זיין פיס אויף דעם לאך ווי דער שלאנג איז געווען, יצא ונשכו. איז ארויסגעקומען דער שלאנג און ער האט געביסן רבי חנינא בן דוסא, ומת אותו ערוד, און דער ערוד איז נאכדעם געשטארבן. און רש״י ברענגט דארטן צו [עס איז א ירושלמי] אז דער מין שלאנג ווען ער בייסט א מענטש, איז טאמער קומט דער שלאנג אן קודם צום וואסער, דעמאלטס שטארבט דער מענטש, און אויב די מענטש קומט אן צום וואסער קודם, דעמאלטס שטארבט דער שלאנג. רבי חנינא בן דוסא האט באקומען א ביס פון דעם שלאנג, און ער איז געווען אין א סכנה, עס איז נישט געווען קיין וואסער דארטן, זאגט רש״י, נעשה לו נס ונבקע מים מתחת עקבו. דער באשעפער האט באשאפן א קוואל דארט, איז ער געווען נעבן דעם וואסער קודם, און אזוי איז ער ניצול געווארן.

**נאכדעם** האט רבי חנינא בן דוסא גענומען דעם שלאנג, און ער האט עס ארויפגעלייגט על כתיפו, אויפן אקסל, און ער האט עס געטראגן אין בית המדרש, און ער האט געזאגט, ראו בני, קוקטס, דער שלאנג האט מיך געביסן, און איך לעב, ווייל אין הנחש ממית, אלא החטא ממית, נישט דער שלאנג איז ממית, דער חטא איז ממית.

**אין** ספר **גן רוה** (פרשת עקב) ברענגט ער צו זייער א שיין ווארט. די תורה הק׳ זאגט, המוליכך במדבר הגדול והנורא (דברים ח-טו). דער באשעפער האט אונז געפירט אין אזא מורא׳דיגן מדבר, נחש שרף ועקרב, א פלאץ פון שלענג, צמאון אשר אין מים, עס איז א פלאץ פון דארשט וואס עס איז נישט דא דארט קיין וואסער, און המוציא לך מים מצור החלמיש, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן וואסער, דער באר וואס מיטגעגאנגען מיט יודען אין מדבר.

**זאגט** ער אז דער פשט דערפון איז, יודען זענען געווען אין א מדבר פול מיט שלענג, מקום נחש שרף ועקרב. וואס ווען א שלאנג בייסט איז עס א סכנת מות, דו האסט דאך אבער אן עצה, אז מען גייט צום וואסער ווערט מען געהיילט, אבער עס איז געווען צמאון אשר אין מים. דא איז א מדבר, עס איז א צמאון, שלענג איז דא, וואסער איז נישט דא, ווי אזוי ווערט מען געהיילט? אבער דער אייבערשטער טוט ניסים ווען מען פירט זיך ערליך, המוציא לך מים מצור החלמיש. דער באשעפער נעמט ארויס א קוואל פון א צור, אז דו שטייסט נעבן דעם וואסער, וועסטו נישט ווערן געשעדיגט.

**רבי** חנינא בן דוסא האט געוואלט ארויסברענגען דעם געוואלדיגן לימוד וואס א

מענטש דארף זיך אפלערנען דערפון, אז אפילו ווען א שלאנג בייסט, עס איז דא א צרה אין א שטוב, פונדעסטוועגן דאך דארף ער וויסן, נישט דער שלאנג בייסט, עס איז דא א חטא וואס איז ממית. און רבי חנינא בן דוסא האט גענומען דעם ערוד, און ער האט עס געטראגן על כתיפו, און געוויזן אז דער נחש איז נישט ממית.

**די** גמרא זאגט (סנהדרין עח.), ארס נחש בין שיניו הוא עומד. די גיפט פון א שלאנג ליגט צווישן די ציין. עס איז דא א טייער ווארט פונעם **גר"א**. דער גר"א זאגט, דער שטן איז דאך דער נחש הקדמוני וואס האט צוגערעדט אדם הראשון ער זאל זינדיגן, זייט דעמאלטס איז די ארבעט פון דעם נחש צוצורעדן יעדן איינעם צו א חטא, און אזוי שטייט אין די גמרא (ב"ב טז.), אז דער שטן איז שפעטער דער מלאך המות. דער זעלבער שטן וואס רעדט צו דעם מענטשן צו זינדיגן, דער נעמט אוועק שפעטער זיין נשמה. שיורד ומתעה, ער קומט אראפ פון אויבן פון הימל, און ער טוט פארדרייען דעם מענטש ער זאל זינדיגן. עולה ומרגיז, נאכדעם גייט ער צוריק ארויף, און ער טוט מרגיז זיין, ארויפברענגען דעם חמת ה' אויף דעם וואס האט געזינדיגט, נאכדעם נוטל רשות ונוטל נשמה, באקומט ער רשות פון אויבן אוועקצונעמען יענעם פון די וועלט.

**זאגט** דער גר"א, ביי דאס ווארט 'נחש' איז דא א נו"ן מיט א שי"ן פון די צוויי זייטן, אינמיטן איז דא א חי"ת. שטן האט אויך א שי"ן מיט א נו"ן פון ביידע זייטן, אין אינמיטן איז דא א טי"ת. די מיטעלסטע אות פון נחש, און די מיטעלסטע אות פון שטן, זענען די אותיות חי"ת טי"ת, וואס דאס איז חטא. דאס איז דער ארס פונעם נחש, דארט ליגט דער כח וואס דער נחש האט, צו קענען ממית זיין. און וואו ליגט דער גיפט פון דעם נחש? בין שיניו. צווישן די שי"ן און די נו"ן פונעם נחש און פונעם שטן. דער ארס נחש, דער גיפט וואס דער נחש האט, דער חטא, דאס איז בין שיניו הוא עומד. דאס ליגט צווישן די שי"ן און נו"ן.

**ווען יעקב** אבינו האט געבענטשט די שבטים, און ער איז אנגעקומען צו יהודה האט ער געזאגט, לא יסור שבט מיהודה ומחוקק מבין רגליו (בראשית מט-י). טייטשט רש"י, לא יסור שבט מיהודה, פון דוד המלך און, האבן אלע ראשי גליות שבבבל שרודים את העם בשבט, געשטאמט פון יהודה. ומחוקק מבין רגליו, אלו נשיאי ארץ ישראל. און די אלע וועלן זיך נישט אפטון פון יהודה, עד כי יבא שילה, ביז משיח וועט קומען וועט אייביג זיין ביי יודען חכמי ישראל, וואס מען וועט קענען לערנען ביי זיי. האט יעקב אבינו מתנבא געווען. און ער האט ווייטער געזאגט, וואס איז דער פליכט פון חכמי ישראל, וואס דארפן זיי טון כדי די יודען זאלן זיך האלטן ערליך? זיי דארפן מעורר זיין אז מען דארף שטענדיג גיין בדרכי התורה, זיך נישט לאזן פארפירן פון דעם נחש פון דעם שטן און פון דעם חטא וואס ליגט אינעווייניג אין זיי, וואס זיי טוען צוברענגען אז יודען זאלן זינדיגן. און מען זאל געדענקן אז לא הנחש ממית אלא החטא ממית, נישט דער נחש איז ממית נאר דער חטא.

**יעקב** אבינו ווען ער האט געענדיגט זיין ברכה פון לא יסור שבט מיהודה, האט ער געזאגט, חכלילי עינים מיין ולבן שינים מחלב. ולבן שינים ווי די גמרא טייטשט, גייט ארויף אויפן ליבון שינים, אז מען דארף ווייס מאכן די ציין פון א חבר, טוב המלבין שינים לחבירו. ווען א יוד איז אין די מדריגה אז ער נעמט אוועק דעם חי"ת און דעם טי"ת פון דעם שטן און דער נחש וואס ליגט אין דעם שן. צווישן דעם שיניו, ליגט דאך אינעווייניג דער ארס נחש וואס דאס איז דער חטא. און ווען ער זעהט זיין חבר פירט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין, איז ער אים מעורר, און ער טוט אים צוברענגען צו דרכי ה', דאס איז טוב ממשקהו חלב, דאס איז די גרעסטע טובה וואס מען קען טון פאר יענעם, אז מען טוט אים צוברענגען צו חיי עולם הבא. ווען מען איז אים מדריך צו גיין בדרכי התורה.

**און** דאס איז געווען דער חשוב'ער נפטר זצ"ל. ווער עס איז נאר געקומען אין בארירונג

מיט אים, האט באקומען אן השפעה ווי שיין עס איז ווען מען וואקסט אויס אין תורה, ווי שיין עס איז ווען מען פירט זיך בדרכי התורה. א יוד דארף מקדש זיין שם שמים, וואס דאס איז די מצוה פון ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ה). נישט נאר מען זאגט קריאת שמע, און מען זאגט איך האב ליב דעם אייבערשטען, נאר אהבהו על הבריות, פיר דיך אזוי אויף אז דו זאלסט אריינברענגען אן אהבת ה' אין יעדן מענטש, און מען זאל זאגן אשרי אביו שגדלו, אשרי רבו שלמדו תורה, קוקטס כמה דרכיו מתוקנים, ווי אזוי זיינע וועגן זענען ווי עס דארף צו זיין. ווי אזוי משאו ומתנו עם הבריות איז באמונה. ווי אזוי עס איז דיבורו בנחת עם הבריות (יומא פו.), וואס דאס איז געווען די עבודה פון דעם חשוב'ן צדיק, וואס ער האט מיט זיין הנהגה ווי אזוי ער האט זיך געפירט ארויסגעברענגט דעם אהבהו על הבריות, ווי אזוי מען דארף באליבן דעם אייבערשטען אויף יודען.

**דאס** איז דער טוב המלבין שינים לחבירו. עס איז זייער חשוב וואס א יוד טוט מעורר זיין אנדערע צו גיין בדרכי התורה. און יעדער יוד ביי זיך אליין אין שטוב, מען האט דאך קינדער, מען האט אייניקלעך וואס מען דארף זיי מחנך זיין, מלבין זיין די שינים, אוועקצונעמען דער 'חטא' וואס ליגט אינעווייניג, און מדריך זיין די קינדער על דרכי התורה.

*

**מען** האט אנגעהויבן אויפצושטיין סליחות. עס שטייט אין די קדמונים, אז סליחות זאגט מען אייביג וויניגסטנס פיר טאג פאר ראש השנה, און אויב עס געפאלט וויניגער פון פיר טאג, גיט מען צו נאך א וואך וואס מען זאגט סליחות. אין **אליה רבה** (סי' תקפא סק"ח) שטייט, אז דער טעם דערפון איז, ווייל ווען מען ברענגט א קרבן פארן אייבערשטען, דארף מען עס קודם מבקר זיין, זעהן צו עס האט נישט אויף זיך קיין מום, פיר טאג בעפאר מען האט עס מקריב געווען. און אז דאס איז ביי א בהמה וואס מען דארף ברענגען פארן אייבערשטען, איז כל שכן ווען א יוד דארף זיך שטעלן צום יום הדין פארן אייבערשטען, דארף ער זיך מבקר זיין וויניגסטן'ס פיר טאג, אדורכקוקן אונזערע מומים, אז מען זאל קענען זיין ראוי זיך צו שטעלן פארן אייבערשטען. אז א בהמה דארף זיין אן א מום בשעת מען איז עס מקריב פארן אייבערשטען, איז דאך כל שכן א יוד ווען ער שטעלט זיך פארן באשעפער. האט מען מתקן געווען טעג פון סליחות, עס איז נישט טעג פון אפזאגן די סליחות, עס איז טעג פון התבוננות, וואס מען זאל אריינטראכטן ווי אזוי מען זעהט אויס, און זיך מבקר זיין פון די מומים וואס מען האט.

**עס** איז אבער דא א גרויסער חילוק צווישן ביקור מומים ביי א קרבן, און ביקור מומים ביי א מענטש. ווען מען איז מבקר א קרבן, נעמט מען דעם קרבן און מען קוקט עס אדורך עס זאל נישט האבן קיין מום וואס טוט פסל'ן דעם קרבן, אז מען זעהט אז עס האט א מום לייגט מען עס אין א זייט, און מען זוכט א צווייטן בהמה וואס מען ברענגט אנשטאטס. אונזער ביקור מומים אין די פיר טעג וואס עס איז דא פאר דעם הייליגן יום טוב, איז נישט אז מיר גייען קוקן צו אונז האב מיר א מום צו נישט. אנו מלא עוון, יעדער ווייסט ווי אזוי מען זעהט אויס, יעדער ווייסט אונז זעמיר מלא מומים. מען דארף זיך נישט מבקר זיין, מען דארף עס נישט זוכן, מען זעהט עס גלייך, יעדער מיט א אויג זעהט ווי אזוי מען זעהט אויס. ביי אונז איז דער ביקור מומים א צווייטע זאך, נעמען די מומים וואס אונז האב מיר, און עס אפרייניגן, עס זאל אראפגענומען ווערן דער מום בעפאר אונז שטעל מיר זיך צום יום הדין, מען זאל זיין ריין בעפאר מען שטעלט זיך פארן אייבערשטען.

**די** ריינקייט, דאס געשעהט נאר ווען א יוד טוט תשובה, חרטה על העבר. אבער דער עיקר איז דאך קבלה על להבא, מען נעמט אויף זיך ווייטער צו גיין אויפן ריכטיגן וועג.

**מען** לעבט אין א מדינה וואס מען איז אזוי פארטון, די טירדות זענען אזוי גרויס, מען האט נישט קיין צייט צו טראכטן, אפילו ווען ער וויל זיך אראפזעצן מאכן א שטיקל חשבון, קומט אים אייביג אונטער פרישע זאכן מיט פרישע טירדות וואס פירט אים אוועק דעם קאפ פון וואס ער וואלט געדארפט צו טראכטן. מען האט נישט די ריכטיגע מנוחת הנפש, אז א מענטש זאל זיך קענען מתבונן זיין מה חובתו בעולמו, וואס טוט ער דא אויף די וועלט, פארוואס דרייט ער זיך ארום, פארוואס איז ער געקומען אויף די וועלט? עסן? טרינקען? מאכן געשעפטן? דאס איז דער ציל פון זיין קומען דא?!

**מען** דארף געדענקן שטענדיג אז דער עולם הזה איז דומה לפרוזדור בפני הטרקלין (אבות ד-טז). עס איז נישט מער ווי א פרוזדור, עס איז נאר א דורכגאנג ווי מיר גייען אדורך, עס נעמט נישט לאנג דער פרוזדור, אבער דער ציל איז ערגעץ אנצוקומען, בפני הטרקלין. אריינצוקומען אין דעם טרקלין קען מען נישט נאר אז מען האט א טיקעט אריינצוקומען, דאס זענען די מצוות ומעשים טובים וואס מען האט געטון.

**ברוך** ה׳ דער באשעפער גיט די געלעגנהייט און די מעגליכקייטן דערצו. שוב יום אחד לפני מיתתך (אבות ב-י). די גמרא (שבת קנג.) זאגט, ישוב היום שמא ימות למחר, קיינער איז נישט פארזיכערט ווילאנג מען איז דא. אין מודיעין קיצו של אדם (שבת ל.), אבער ווילאנג מען איז געזונט און מען איז ביי די כוחות, פארוואס זאל מען לאזן די טעג אדורכגיין ליידיג? מען דארף זעהן זיך אנצוגארטלען צו דינען דעם אייבערשטען.

**מען** זעהט ערליכע יודען גייען אוועק פון די וועלט, און זיי פלאגן זיך פאר דעם מיט יסורים וואס איז זיי מזכך כדי זיי זאלן קענען ארויפקומען אויף יענע וועלט ריין. אם בארזים נפלה שלהבת, מה יענו אזובי קיר (מועד קטן כ:). צדיקים וואס זיצען באהלה של תורה זיי געבן זיך אוועק זייער גאנצער לעבן נאר פאר עבודת ה׳, און פון דעסטוועגן דאך דארף מען זיכוך אז מען זאל קענען אנקומען אויבן ריין, נו, וואס זאל שוין זאגן א פשוטער יוד, וויפיל וואלט מען זיך געדארפט מזכך זיין אז מען זאל קענען זיין ריין.

**נחפשה** דרכינו ונחקורה ונשובה אל ה׳ (איכה ג-מ), דאס איז די עבודה פון די טעג, נחפשה דרכינו, מאכן זיך א שטיקל חשבון הנפש, און חוקר זיין, און זיך צוריק קערן צום אייבערשטען. מען בעהט נישט קיין סאך, נאר אראפנעמען יעדן טאג א פאר מינוט, צען מינוט, פופצן מינוט, טראכט נישט יעצט פון עפעס אנדערש, נעם א מוסר ספר, א חסידיש ספר, קוק וואס דארף איך צו טון, אז עס זאל מיר אריינברענגען א התעוררות אינעם הארץ.

**ווען** מען האט די מעגליכקייט צו גיין הערן מוסר, זאל מען הערן מוסר, עס איז היינט דא א וועלט וואס מען קען הערן, טעלעפאנע״ן מיט טעיפ״ס, וכדומה, פון וואס פאר א סארט ער וויל נאר מקבל זיין, קען מען איבעראל אנקומען און הערן. און דאס איז דער עיקר תכלית פונעם מענטש׳ס לעבן, זיך מתבונן זיין אין די טעג, מען זאל האבן דעם ריכטיגן ביקור פון א קרבן, און משים אל הלב זיין דער תכלית פונעם לעבן, אז יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי העולם הבא (אבות ד-יז).

**דער** חשוב׳ער נפטר וואס האט זיך אזוי שיין משלים געווען זיינע יארן, ווי מען האט פריער געהערט, סיי אין תורה, און סיי אין עבודה, זיין דאווענען, און סיי זיין צדקה וחסד, וואס ער איז ארויסגעשטאנען מיט זיין ערליכקייט און מיט זיין איידלקייט. און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן אז די גאלדענע קייט ציהט זיך ווייטער, זיין חשוב׳ע רביצין, און די קינדער וואס זענען מרביצי תורה.

**פאר** אונז איז נאר אזויפיל געבליבן, זיך אראפצולערנען פון די מעשים פון דעם צדיק,

און נאכצוגיין אין זיינע וועגן, זעהן צו משלים צו זיין דעם חלל וואס איז געווארן, דעם תענוג וואס דער אייבערשטער האט געהאט פון דעם צדיק און פון זיין עבודה וואס פעלט יעצט. און אז מיר וועלן משים אל הלב זיין, און זיך צוגרייטן צום יום טוב ווי עס דארף צו זיין, וועלן מיר זוכה זיין אז דער באשעפער וועט ממלא זיין כל משאלות לבבינו לטובה. - זאלן מיר אלע האבן א שנה טובה ומתוקה, א פרייליך יאר און א ליסטיג יאר און א זיס יאר, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שני פרשת האזינו - ב' דסליחות***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **מיכאל שטערן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות וקריאת השם. אחר כך השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אין** הייליגע ספרים (תיקוני זוהר קלא.) שטייט, אז ברית מילה איז מעורר די מדת הרחמים אויף כלל ישראל. ווייל דער פסוק מ'י י'עלה ל'נו ה'שמימה (דברים ל-יב), איז די ראשי תיבות פון 'מילה', און די סופי תיבות איז דער שם הוי"ה, וואס דאס איז דער שם פון רחמים. דאס ווייזט אז מצות מילה איז מעורר דעם שם הוי"ה מדת רחמים. און מען דארף פארשטיין, וואס איז דער קשר פון מי יעלה לנו השמימה, מיט מצות מילה, מיטן שם הוי"ה, אז די מצוה פון מילה איז מעורר רחמים. - אין **זוהר הק'** (תיקון כב סו.) שטייט אז נאכדעם וואס מען מל'ט א קינד, ווערט נחקק אויפן קינד שמות. איינע פון די שמות וואס ווערט נחקק אויפן קינד איז דער שם הוי"ה.

**די** תורה הק' הייבט אן בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ (בראשית א-א). רש"י ברענגט צו, אז מתחלה עלה בדעתו של הקב"ה לברוא את העולם במדת הדין, ראה שאין העולם מתקיים, הקדים מדת הרחמים ושיתפה למדת הדין, דער אייבערשטער האט גענומען די מדת הרחמים און ער האט עס צוגעשטעלט פאר א שותף צום מדת הדין. הקדים, ער האט געשטעלט קודם דעם רחמים, און נאכדעם האט ער געשטעלט די מדת הדין. דא שטייט בראשית ברא אלקים, און שפעטער שטייט (שם ב-ד) אלה תולדות השמים והארץ בהבראם ביום עשות ה' אלקים.

**עס** קען זיין, דער שם אלקים אליין, איז דאך די מדת הדין. אבער דער אל"ף וואס איז דא אין אנהייב פונעם שם אלקים, איז רחמים, ווייל עס שטייט אין **זוהר הק'** (בהקדמה), אז דער אות אל"ף איז צוזאמגעשטעלט פון דריי אותיות, א יו"ד, א וא"ו, און נאך א יו"ד, וואס דאס איז צוזאמען זעקס און צוואנציג, וואס דאס איז מכוון אקעגן דער שם הוי"ה, וואס איז אויך זעקס און צוואנציג. אפילו אלקים וואס איז מדת הדין, אבער הקדים הקב"ה, דער באשעפער האט מקדים געווען דעם אות אל"ף ביים שם אלקים, ושיתפה למדת הרחמים, און ער האט עס משתף געווען צו מדת הרחמים, אז אפילו ווען עס וועט זיין אלקים, עס וועט זיין א מדת הדין, זאל זיין דער אל"ף אויך דארטן, אז עס זאל זיין מיט רחמים. - בראשית ברא אלקים, פונעם בראשית פונעם אלקים, וואס דער ראשית פון אלקים, איז דאך דער אל"ף, דער אל"ף פונעם אלקים, דאס איז דאך רחמים, מיט דעם האט דער אייבערשטער באשאפן שמים וארץ.

**אז** מען נעמט אוועק די אל"ף פון אלהים, בלייבט איבער א למ"ד מיט א ה"י און א יו"ד און א מ"ם דאס איז די אותיות מיל"ה. קומט אויס אז ווען מען מל'ט א קינד ביי מצות מילה, טוט מען אוועק נעמען די ערלה פונעם קינד, און מען טוט אוועק נעמען די למ"ד ה"י יו"ד מ"ם פונעם שם אלקים, און עס בלייבט איבער דער אל"ף. דער אלף דאס איז די מדה פון רחמים, דאס איז דער שם הוי"ה.

**מ'י** י'עלה ל'נו ה'שמימה איז מילה, דורך מצות מילה טוט מען אוועק נעמען די דין וואס איז דא אינעם שם אלקים, און עס בלייבט איבער

דער אל"ף וואס דאס איז די שם הוי"ה. - וועגן דעם אז מען מל'ט א קינד ווערט נחקק נאכדעם אויפן קינד דער שם הוי"ה, ווייל מיט מילה האט מען דאך אוועקגענומען די פיר אותיות פון אלקים, איז דאך איבערגעבליבן נאר דער אל"ף, און דער אלף דאס איז דאך זעקס און צוואנציג, ווערט אויפן קינד נחקק דער שם הוי"ה.

*

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שמואל וואסערמאן** ע"ה.

*

***יום שלישי פרשת האזינו - ג' דסליחות***

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לבית מסחרו של הר"ר **אהרן קליין** הי"ו, וקבע שם מזוזה. אח"כ הסיב למסיבת לחיים, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אונז** שטיי מיר אין די הייליגע טעג, טעג וואס איז געשטעלט געווארן אויף תפלה, די גאנצע הייליגע טעג איז עבודת התפלה, דאווענען און בעטן אויף אלעם וואס מען דארף צו האבן. תפלה, האט דער אייבערשטער אראפגעשטעלט אויף די וועלט, כדי יעדער זאל וויסן אז אלעס קומט פונעם אייבערשטען. אז נישט וואלט דאך אויסגעקומען אז א מענטש וואלט געמיינט אז ער טוט, און ער שאפט. האבן די חכמים מתקן געווען מען זאל דאווענען און בעטן, אז מען איז מתפלל, ברענגט עס צו געדענקן אז וואס מען האט, איז אלעס פונעם אייבערשטען. דעם ביזנעס זעט דאך יעדער איינער, אז עס איז נישט קיין כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה (דברים ח-יז), עס איז נאר תלוי אין דיבור אליין. מען רעדט, און אז דער אייבערשטער גיט הצלחה, האט מען, אז נישט, קען מען רעדן צו דרייסיג מענטשן און מען האט גארנישט. און מען קען אמאל רעדן צו איינעם, און עס דעקט אלע אנדערע. עס שרייט זיך זייער שטארק ארויס ביי די מין ארבעט, די חשיבות פון תפלה, מען איז אין די הענט פונעם אייבערשטען.

**עס** שטייט פון **רבי רבי בונם**, אז דער אייבערשטער האט געשאלטן די נחש, ועפר תאכל כל ימי חייך (בראשית ג-יד). לכאורה וואס איז די קללה, ער שפירט דאך אינעם עפר, וואס ער דארף צו עסן. וואס א מענטש שפירט אינעם ברויט, שפירט ער אינעם עפר. און וואו ער גייט, האט ער וואס צו עסן. וואס איז די קללה, עס איז דאך זייער גוט, ער האט פרנסה וואו ער גייט. האט דער רבי ר' בונם געזאגט, די נחש האט טאקע פרנסה, אבער ער דארף קיימאל נישט בעטן פונעם אייבערשטען גארנישט, וואו ער גייט האט ער זיין פרנסה. און דאס איז די גרעסטע קללה וואס מען האט אים געגעבן, ער דארף נישט מתפלל זיין. ווען א מענטש ווייסט אבער, אז אלעס קומט פונעם אייבערשטען, איז ער מתפלל, ער איז צוגעבינדן צום אייבערשטען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען איז דאך יעצט מתפלל, כל מזונותיו של אדם קצובות מראש השנה עד ראש השנה (ביצה טז.). די גאנצע ביזנעס שפילט זיך אפ דעם שבת. די גאנצע יאר ווענדט זיך אלעס ווי אזוי מען האט אויסגעפועל'ט ראש השנה. דער באשעפער זאל העלפן, אז אלע תפלות זאל נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, מתוך שמחה וטוב לבב, און מען זאל האבן א גוט געבענטשט יאר, א שנה טובה ומתוקה אין אלע ענינים.

*

***יום רביעי פרשת האזינו - ד' דסליחות***

בשעות הערב התקיים סעודת הילולא של **כ"ק מרן רבינו בעל עזר מיהודה זצוק"ל** בבית מדרשנו. **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' במאנסי אמר ההדרן לסיום הש"ס, ונשמעו דברי זכרון על ידי תלמידו הר"ר **שרגא מרדכי בלומענבערג** הי"ו. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**מען** זיצט דא אינאיינעם ביי די סעודת הילולא פונעם רב ז"ל. מען האט פריער געהערט פונעם דיין זאל זיין געזונט, און פון רבי שרגא, וואס האבן שיין ארויסגעברענגט זכרונות פון די ימי הנעורים, וואס א מענטש דארף שטענדיג געדענקן זיינע יונגע יארן, פון וואו ער האט מקבל געווען, עס זאל אים באגלייטן אויף זיין גאנץ לעבן שפעטער. די געוואלדיגע הרבצת התורה פונעם רב ז"ל, ער האט נאר געלעבט מעמיד צו זיין תלמידים, און זיינע דרשות אין דעם מקום, אויפצוטון פארן כלל ישראל. ער וועט אוודאי זיין א מליץ יושר פאר אלע תלמידים, און פאר אונז אלע.

*

**מען** שטייט פאר די הייליגע טעג. די גמרא (יומא פו:) זאגט, גדולה תשובה שמארכת ימיו ושנותיו של אדם, תשובה איז זייער גרויס, ווען א יוד טוט תשובה איז ער זוכה צו אריכת ימים. שנאמר אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (יחזקאל יח-כז) ובשוב רשע מרשעתו חיו יחיה, דרש'נט די גמרא, ווען א רשע טוט תשובה, נישט נאר ער וועט לעבן זיינע יארן וואס ער דארף צו לעבן, נאר חיו יחיה, מען וועט אים מאריך זיין ימיו ושנותיו.

**מען** געפינט אין **ר"ן** (ראש השנה טז.), אז מען האט קובע געווען דעם יום הדין אויף ראש השנה, ווייל אדם הראשון איז געבוירן געווארן ראש השנה, און די צענטע שעה פונעם טאג, סרח, האט ער געזינדיגט, און די עלעפטע שעה, האט מען אים דן געווען, און סוף פונעם טאג איז ער יצא בדימוס, ער איז ארויסגעגאנגען פרייערהייט פון זיין עונש אויף די עבירה. האט דער אייבערשטער געזאגט פאר אדם הראשון, אתה סימן לבניך. דו וועסט זיין א סימן פאר דיינע קינדער, ווען איך וועל זיי דן זיין ראש השנה. אזוי ווי דו ביסט דעמאלטס ארויס בדימוס, כך בניך יוצאין בדימוס, וועלן דיינע קינדער אויך ארויסגיין פרייערהייט ראש השנה במשפט.

**און** עס דארף א ביאור, וואס האט צו טון איינס מיטן אנדערע. ווייל אדם הראשון איז ארויסגעגאנגען בדימוס, על כן גייען אלע מענטשן ארויס בדימוס? ווען א מענטש האט געהאט א משפט ביי א שופט, און ער איז נישט געווען שולדיג, און מען האט אים ארויסגעלאזט לחירות, מיינט עס, אז די אלע וואס וועלן קומען נאכדעם און וועלן האבן א משפט, וועלן ארויס גיין לחירות, ווייל דער ערשטער איז ארויס בדימוס?! אדם הראשון האט זיך געהאט זיינע סיבות פארוואס ער האט געזינדיגט. וואס איז דער המשך אז דאס איז א סימן, אז יודען וועלן אויך ארויסגיין בדימוס?

**מען** האט פריער געזאגט, אז די גמרא זאגט אז תשובה איז מאריך ימיו ושנותיו של אדם. דער **צל"ח** (יומא פו:) פרעגט, איז דען שייך אז ווייל ער איז געווען א בעל חטא, איז מאריכין לו ימיו ושנותיו, חוטא נשכר? ענפערט דער צל"ח, אז די טעג וואס דער מענטש לעבט, ווערט נאר גערעכנט די טעג וואס ער האט געדינט דעם אייבערשטען, די טעג זענען געווען ימי חייו, דאס איז טעג וואס ער האט געלעבט, ער האט עס אויסגענוצט אויף דעם וואס ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט. טעג וואס גייען אדורך און מען דינט נישט דעם אייבערשטען, די טעג זענען נישט א חלק פון דעם לעבן פון דעם מענטש, רשעים בחייהם קרויים מתים (ברכות יח:).

**מען** ברענגט צו, אז ביי אברהם אבינו שטייט ואברהם זקן בא בימים (בראשית כד-א), ער האט מיטגענומען מיט זיך אלע טעג, יעדן טאג האט ער אויסגענוצט פאר עבודת ה', ער איז געקומען מיט אלע טעג. ביי שרה שטייט (שם כג-א) ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה, זי האט געלעבט הונדערט זיבן און צוואנציג יאר, אבער דאס איז טאקע געווען אלע טעג וואס זי האט געלעבט. א מענטש קען אמאל לעבן אסאך יארן, אבער די טעג וואס ער האט, איז ווייניג. אין די מפרשים שטייט, אל תשליכנו לעת

זקנה (תהילם עא-ט). די צייט איז טאקע אלט, אבער דער מענטש איז נישט קיין זקן.

**זאגט** דער צל"ח, ווען א יוד טוט תשובה מאהבה, איז דאך זדונות נעשה לו כזכיות (יומא פו:), איז ער דאך מתקן די אלע טעג וואס איז אדורכגעגאנגען וואס איז נישט געווען גערעכנט אין ימי חייו, ווייל ער האט דאך געזינדיגט. און אז ער טוט תשובה, ווערט דאך אנגעפולט די אלע טעג מיט מצות ומעשים טובים, איז מארכת ימיו ושנותיו של אדם, זיינע טעג וואס ער האט, זיינע ימיו ושנותיו, וואס איז נישט געווען גערעכנט ביז יעצט אין די מספר פון זיינע יארן, טוט דער אייבערשטער צוגעבן אז עס ווערט גערעכנט אין זיינע טעג.

*

**איך** וועל מזכיר זיין ממשנתו פונעם רב זצ"ל אין זיין ספר **עזר מיהודה** אויף פרקי אבות (א-יז), טייטשט ער די גמרא אז עס איז מאריכין ימיו ושנותיו של אדם, ער איז מקדים א **ייטב פנים** (לשבת תשובה אות ד'), וואס דער ייטב פנים ברענגט פונעם **כתנות אור** (פרשת נצבים), ווי אזוי נוצט תשובה? עס איז דאך דא אן הלכה (פסחים עג:) אז נראה ונדחה אינו חוזר ונראה, א קרבן וואס איז געווען ראוי מקריב צו זיין, אויב עס האט באקומען א פסול, און עס איז נדחה געווארן, אפילו שפעטער ווערט ער צוריק ראוי, קען מען אים שוין נישט ברענגען פאר א קרבן, וויבאלד עס איז געקומען א צייט וואס עס איז נדחה געווארן. און אז ביי א בהמה איז אזוי, אז אויב עס איז געקומען א צייט וואס עס איז נדחה געווארן, קען ער נישט ווערן נאנטער צום אייבערשטען, ווי אזוי קען זיין אז א מענטש האט געזינדיגט, ער איז געווען נדחה, ווי אזוי קען זיין ער זאל זיין חוזר ונראה, ער זאל קענען צוריק נאנטער ווערן.

**טוט** אויף דער ייטב פנים זייער שיין, און ער זאגט. אין די גמרא (זבחים יב.) שטייט, אז די הלכה אז ווען עס ווערט נדחה איז אינו חוזר ונראה, איז נאר אויב עס איז אדורכגעגאנגען א גאנצע טאג וואס ער איז געווען נדחה, אויב עס איז נאר געווען נדחה אויף א קורצע צייט איבערן טאג, הייסט עס נישט קיין נראה ונדחה. נאר אויב עס איז אדורך א טאג און א נאכט, קומענדיגן טאג איז ער געווען נדחה, קען ער שוין מער נישט ווערן צוריק נראה. קומט אויס, אז אינעם זעלבן טאג אליין, איז נישט דא די הלכה פון נראה ונדחה אינו חוזר ונראה.

**יומו** של הקב"ה איז דאך אלף שנה (סנהדרין צז.), קומט אויס, ווען א יוד טוט תשובה, און ער ווערט צוריק נראה, איז עס נאך אין דעם זעלבן טאג. ביי אונז איז טאקע אוועקגעגאנגען א טאג, אבער ביים אייבערשטען איז עס נאך אין דעם זעלבן טאג, און תשובה האט דאך דער אייבערשטער באשאפן פאר בריאת העולם (פסחים נד.), בעפאר עס איז נאך געווען יום מיט לילה מיט אונזערע חשבונות, איז דאך שוין געווען תשובה פון פאר דעם, איז אפילו ביי אונז ווערט גערעכנט דער טאג און נאכט ווי דער סדר איז, אבער וואס עס איז נוגע צום אייבערשטען, ווערט א טאג גערעכנט אלף שנה. קומט אויס אויב א מענטש האט געזינדיגט, איז סיי ווען בחייו, ער טוט תשובה, איז עס נאך אלץ אין די אלף שנה פון ווען ער האט געזינדיגט, און נראה ונדחה חוזר ונראה, קען ער זיך נאך צוריקקערן.

**דער** ייטב פנים טייטשט דערמיט, אז דאס מיינט מען וואס מען זאגט אין די סליחות (ערב ר"ה), אל תבוא במשפט עמנו כי לא יצדק לפניך כל חי, מלפניך משפטינו יצא. אל תבוא במשפט עמנו, קום נישט אין משפט ווי אזוי מען רעכנט ביי אונז דער יום, ווייל ביי אונז איז דער יום גערעכנט א יום ולילה, און אינו חוזר ונראה. מלפניך משפטינו יצא, אונזער משפט זאל זיין מלפניך, אזוי ווי ביים אייבערשטען. קומט אויס ווען א יוד טוט תשובה ווערט נישט דער טאג גערעכנט לויט אונזערע טעג, א טאג ווערט גערעכנט פאר טויזנט יאר, אזוי ווי ביים אייבערשטען.

**זאגט** דער רב ז"ל, דאס איז גדולה תשובה שמארכת ימיו של אדם. געווענליך א יום פון א מענטש באשטייט דאך נאר פון פיר און צוואנציג שעה, אבער ביי תשובה, ווען א מענטש טוט תשובה, איז מארכת ימיו, דער אייבערשטער וועט רעכענען דעם טאג נישט פיר און צוואנציג שעה, ער רעכנט עס פאר אלף שנה, ממילא איז נראה ונדחה חוזר ונראה.

**ווי** זעהט מען דאס, אז ווען עס קומט צו תשובה טוט דער אייבערשטער רעכענען אלף שנה. דאס זעהט מען ביי אדם הראשון. דער אייבערשטער האט אים געזאגט כי ביום אכלך ממנו מות תמות (בראשית ב-יז), אין דעם טאג וואס דו וועסט עסן וועסטו שטארבן, און עס איז נישט אזוי געווען, ער איז נישט געשטארבן ביום אכלך, ער האט געלעבט קרוב צו טויזנט יאר שפעטער? שטייט אין מדרש (במדב"ר יד-יב), דער באשעפער האט אים געזאגט, ביום אכלך ממנו מות תמות, דעם יום וועל איך טוישן, אז עס וועט נישט זיין נישט לויט דיין טאג, איך וועל עס טוישן לויט מיין טאג. מיין טאג איז דאך טויזנט יאר, איז כי ביום אכלך, אין טויזנט יאר, מות תמות, איבער טויזענט יאר וועסטו נישט קענען לעבן. קומט אויס, אז ביי די תשובה פון אדם הראשון איז נתגלה געווארן די הלכה, אז ביי תשובה רעכנט נישט דער אייבערשטער לויט אונזער טאג, דער אייבערשטער רעכנט עס לויט זיין טאג. ממילא איז תשובה מארכת ימיו של אדם.

**ווען** אדם הראשון איז יצא בדימוס, האט דער אייבערשטער געזאגט, איך גיי קובע זיין דעם טאג זאל זיין דער טאג וואס איך גיי משפט'ן די גאנצע וועלט. וזה סימן לבניך, ווען א מענטש וועט פרעגן, ווי אזוי קען איך תשובה טון, עס איז דאך נראה ונדחה אינו חוזר ונראה. אבער אתה סימן לבניך, דו וועסט זיין א סימן פאר די קינדער אז עס נוצט תשובה. איך האב דאך דיר געזאגט כי ביום אכלך ממנו מות תמות, און דו ביסט נישט געשטארבן אין דעם טאג, פארוואס, ווייל דער אייבערשטער רעכנט די ימיו פאר טויזנט יאר, ממילא איז אתה סימן לבניך, אזוי ווי אדם הראשון איז יצא בדימוס, ווייל מען האט אים גערעכנט דעם יום, אויפן יום של הקב"ה, כך בניך, וועלן אויך יוצא זיין בדימוס, ווייל דער אייבערשטער וועט רעכענען לויט זיין טעג, און נישט לויט אונזער טעג.

**דאס** איז די געוואלדיגע חשיבות פון תשובה, אז א מענטש קען שטענדיג זיך צוריק קערן, אפילו עס איז נראה ונדחה, ער איז נדחה געווארן, זאל ער נישט זיין געפאלן ביי זיך אז עס איז שוין אינו חוזר ונראה, ער קען שוין נישט צוריק דרייען, און זיין חוזר ונראה. עס איז נאך אלעס אין דעם זעלבן טאג, און אין דעם זעלבן טאג איז נישט דא קיין נראה ונדחה אינו חוזר ונראה.

*

**דער** פסוק (קהלת יא-ו) זאגט, בבוקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידיך. די גמרא (יבמות סב:) דרש'נט אויף דעם כמה דרשות, אבער איין דרש איז דא וועגן א רבי מיט תלמידים. בבוקר זרע זרעך, אין די יונגע יארן זאלסטו זעהן מעמיד צו זיין תלמידים, און אפילו לערב, אפילו דו קומסט שוין אויף די עלטער, אל תנח ידך, זאלסטו נישט נאכלאזן, העמיד תלמידים בילדותו, זאלסטו מעמיד זיין תלמידים בזקנותו. אויף קינדער דרשנ'ט די גמרא, ער האט געהאט קינדער בילדותו, זאל ער האבן בזקנותו. האבן תלמידים דאס ווערט אנגערופן בבוקר זרע זרעך.

**זרעים** איז א גרויסע עבודה, איינצופלאנצען עס זאל וואקסן דערפון פירות, דארף מען געהעריג באארבעטן דאס פעלד. מען דארף ארויסנעמען יעדע שלעכטס, יעדע קוץ, וואס איז דא אינעווייניג. מען דארף צוברעכן יעדע שטיינדל, עס זאל ווערן ווייך די ערד. נאכדעם לייגט מען אריין די זאמען דערין, און נאכדעם וואקסט ארויס די פירות. און דאס איז די עבודה פון א רבי. מען לערנט תורה מיט די תלמידים, עס איז נישט נאר אפגעלערנט דעם שיעור, נאר זרע זרעך, אזוי ווי זרעים. אז דו

ווילסט אז דער בוים וואס וועט דא ארויסקומען זאל שפעטער בליען, עס זאל ארויסגעבן שיינע פירות, ווענדט זיך ווי אזוי דו האסט אים איינגעפלאנצט. ווען דו האסט געמאכט א געהעריגע ארבעט פון זריעה, איינצופלאנצן א זאך ווי עס דארף צו זיין, מען האט מסקל געווען אלע שלעכטס וואס איז דא אינעווייניג, און צוגעגרייט אלעס וואס פעלט אויס עס זאל קענען וואקסן, נאכדעם קומט ארויס פירות וואס זענען שיין. ער איז עס מדמה צו זרע זרעך, ווייל מעמיד זיין תלמידים דאס איז אזוי ווי זורע זיין זרעים, וואס דער תכלית דערפון איז נישט די זרעים אליין, דער תכלית איז, אז ווען עס גייט שוין אדורך, מען האט שוין מער נישט קיין שייכות מיט די זרעים, מיט דער צייט וואקסט עס, און עס בליהט, און עס גיט ארויס פירות נאכדעם.

**דאס** איז ווי לאנג מען לעבט. אז דער רבי גייט אוועק, און ער איז שוין נישט דא. אזוי ווי ווען א מענטש פלאנצט איין זרעים, איז ער מתפלל צום אייבערשטען אז די פירות וואס קומען ארויס פון די זרעים, זאלן ווייטער בליען, און עס זאלן ארויסגעבן שיינע פירות. ווען א רבי טוט מעמיד זיין תלמידים, איז עס א בחינה פון זרע זרעך, אפילו נאכדעם וואס ער האט שוין זורע געווען, און נאכדעם וואס דער בוים איז שוין ארויסגעקומען, קוקט ער שטענדיג, און ער איז מתפלל, אז די זרעים וואס ער האט איינגעפלאנצט, זאלן מצליח זיין.

**תפלה** ווערט אנגערופן הרימותי ידי (בראשית יד-כב), דער תרגום זאגט דארטן, אז עס גייט ארויף אויף תפלה. והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל (שמות יז-יא). אויפהייבן די האנט דאס ווייזט אויף דער ענין פון תפלה וואס מען דאווענט (עיין שם בתרגם יונתן). נשא לבבינו אל כפים (איכה ג-מא). די וועלט איז בוקר, עס לייכט, דער פסוק רופט עס אזוי אן, עד שלא תחשך השמש (קהלת יב-ב), אוועקגיין פון די וועלט, דאס איז תחשך השמש, דאס איז ערב. ווען עס איז בבוקר זרע זרעך, ווען א מענטש גיט אוועק זיין לעבן בבוקר אויף זרע זרעך, ער שטעלט אויף תלמידים, און די תלמידים שטעלט ער אויף אין א בחינה פון זורע זיין זרעים. עס איז נישט נאר וואס ער לייגט אריין אן עבודה יעצט, נאר ער לייגט אריין אזא עבודה, אז די פירות וואס ער האט זאלן קענען שפעטער בליען, איז אפילו ווען עס איז לערב, ער איז שוין נישט דא, עס איז שוין תחשך השמש והירח, אבער אל תנח ידיך, די הענט וואס מען הייבט אויף מתפלל זיין, דעם נשא לבבינו אל כפים, דער כאשר ירים משה את ידו וגבר ישראל, דאס לאזט מען נישט נאך. אפילו מען איז שוין נישט דא אויף דעם עולם, אבער אויבן אין הימל איז ער ווייטער מתפלל אויף די זרעים וואס מען האט אויפגעשטעלט, אז זיי זאלן קענען ווייטער בליען.

**דאס** איז דער זכות, מען גייט אריין אין די הייליגע טעג, און דער יומא דהילולא איז דאך ראש השנה. ווען יעדער יוד דארף האבן זכרונות, וועט ער אוודאי זיין א מליץ יושר אויף די וואס פירן זיך אין די דרכים וואס מען האט געלערנט. דאס איז א חלק פון דעם זרע זרעך, אז מען איז זוכה שפעטער, אפילו ווען עס איז לערב, אפילו עס איז שוין תחשך השמש, אבער אל תנח ידיך, די תפילות וואס מען איז מתפל נוצט ווייטער אויך.

**זאל** דער אייבערשטער געבן ער זאל אויסבעטן פאר אלע תלמידים, און די גאנצע קהלה, ער האט דאך מעמיד געווען די גאנצע קהלה על תילה. וואס עס בליהט היינט, איז אלעס מכוחו של אותו זקן, וואס האט אריינגעלייגט אזויפיל כוחות אויף דעם פלאץ. זאל ער זיין ווייטער א מליץ יושר פאר אונז אלע, אונז זאל מיר אלע געבענטשט ווערן מיט א גוט געבענטשט יאר, א כתיבה וחתימה טובה, א פרייליך יאר, און א שנה טובה ומתוקה, יעדער זאל געהאלפן ווערן מיט וואס ער דארף צו האבן. עס זאל נתקבל ווערן אלע אונזערע תפלות לרחמים ולרצון, און זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***ערב שבת קודש – ערב ראש השנה***

**רבינו שליט"א** ניגש לפני התיבה לאמירת סליחות. – אחר תפלת שחרית ערך **רבינו שליט"א** סדר התרת נדרים לפני ג' אנשים. והוסיף גם אמירת היה"ר ומסירת מודעה מאת **החיד"א זצ"ל**, וסדר התרת קללות וניזופים.